ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
ת"ג
פרשת ויצא
שנת תשע"ו לפ"ק

ג' תצה) עס דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש שליט"א מנהל בית רחל

### צוריק מיט די ערשטע פאסט

איך בין געווען אמאל ביים רבי'ן כ"ק מרן הדבר"י זי"ע שלש עשרה מידות ביינאכט זיך געזעגענען צום נייעם יאר, עס איז געווען א ריזיגער ציבור און די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. איך פלעג זיך שטעלן קעגן איבער דעם רבי'ן און באטראכטן בשעת ווען דער רבי האט געזעגענט דעם עולם, עס האט גענומען שעות ארוכות כמעט ביז אינדערפרי, און איך בין הערשט צוגעגאנגען מיט מיין קוויטל צום רבי'ן צום סוף.

געווענליך האט דער רבי נישט געפרעגט קיין עקסטערע שאלות, נאר קורץ געקוקט אין קוויטל און אנגעוואונטשן, איינמאל באמערק איך ווי איינער בייגט זיך צו און פרעגט עפעס דעם רבי'ן, און דער רבי ענטפערט "שוין צוריק פארן מיטן ערשטן פאסט".

עס איז מיר געווען א חידוש די שארפע תשובה פונעם רבי'ן, האב איך אויפגעזוכט דעם איד און איך האב אים געפרעגט וואס איז געווען זיין שאלה, האט מיר דער איד דערציילט אז עס איז געווען א שמיטה יאר, און ער האט באקומען א אתרוג פון ארץ ישראל, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן וואס ער זאל טוהן מיט דעם, און דער רבי האט אים באפוילן אז ער זאל דאס תיכף צוריק שיקן מיט די ערשטע פאסט און נישט האלטן ביי זיך קיין איבריגע מינוט. (ארי' לייביש גלאנץ)

ג' תצו) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם נתן בערנאטה ע"ה

### א יו"ט דורך מחללי שבת

ער האט געלערנט צוויי יאר אין די ישיבה פון רביה"ק הדבר"י זי"ע אין קראלי, און כל ימיו איז ער געווען דבוק ומקושר אינעם רבי'ן בלב ובנפש. און יעדע זאך וואס ער האט געזעהן ביים רבי'ן האט ער אנגענומען און זיך געפירט דערמיט כל ימי חייו.

לדוגמא, יעדן ערב פסח האט ער אויפגעקאכט צוקער אין א גרויסן טאפ, ווען עס האט זיך אויפגעלאזט האט ער דאס איבערגעזייעט, און נאר דאס האט ער גענוצט גאנץ פסח, ווייל אזוי האט ער געזעהן ביים רבי'ן.

ווען ער האט זיך באזעצט אין בני ברק האט ער געעפענט א ספרים געשעפט, און ער איז געווען א גרויסער מוכר ספרים. אזוי אויך האט ער געלאזט איבערדרוקן אסאך ספרים, און ער האט באקומען דערויף הסכמות פון רבנים. אין טייל פון זיי איז אריינגעדרוקט די בריוו און הסכמות וואס ער האט באקומען פון רביה"ק זי"ע.

מיט יארן שפעטער ווען ער איז ל"ע נישט געזונט געווארן, און איינער פון די משפחה האט אים מזכיר געווען ביים רבי'ן, האט דער רבי זיך אנגערופן "כ'דאוון יעדן טאג אינעם בארדיטשובער סידור וואס ער האט געלאזט איבערדרוקן"...

אזוי אויך האט ער זיך אפגעגעבן מיטן ארויסגעבן ביכלעך פון סיפורי צדיקים אויף אידיש, וואס אין יענע צייט איז נאר געווען צו באקומען ספרים אויף די טמא'נע שפראך.

ער האט אמאל דערציילט אז אין קראלי האט זיי דער רבי אמאל געשיקט נאך געלט לצורך מצוה. אנקומענדיג צו א מאדערנעם איד, און הערנדיג אז דער רבי האט זיי געשיקט נאך געלט האט ער זיי געפרעגט סארקאסטיש "ענקער רבי טרונקט וויין מיט בראנפן?", האט דער זיידע געזאגט "יא, וויין נאך קידוש און הבדלה, און בראנפן נאך די פיש".

ער איז געווען זייער קלאר אין די שיטה פון רבי'ן זי"ע, אידן פלעגן שמועסן מיט אים בדברי תורה וסיפורי צדיקים. און יעדער האט הנאה געהאט פון אים.

ווען אמאל האט ער צוליב א סיבה געדארפט אריינגיין אין ביהכנ"ס הגדול אויף רחוב רבי עקיבא אין בני ברק, עס איז געווען דער ציוני'סטישער חאגע ה' אייר, האט אים איינער פון די מתפללים געפרעגט "וואס האט איר צו זאגן צו די היינטיגע פייערונג?". האט ער געזאגט "יא, איך האב וואס צו זאגן".

און ער האט הויך געזאגט מיט אן אש קודש "אין פרשת אמור ווערט אויסגערעכנט אלע ימים טובים, אלה מועדי ה' מקראי קודש, פרעגט רש"י פארוואס דערמאנט מען דא שבת מיט די ימים טובים, זאגט רש"י אז דער רבש"ע נעמט אן די ימים טובים נאר אז מ'היט שבת ווי עס דארף צו זיין". האט דער זיידע געזאגט "ווי מיר זעהט אויס, דעם יום טוב פון ה' אייר היטן אזעלכע אידן וואס האלטן נישט קיין שבת, ממילא איז זייער יו"ט אויך נישט אנגענומען ביים אייבערשטן".

ווי פארשטענדליך זענען זיי געווארן מלא כעס אויף זיינע ווערטער, און ער האט שנעל געמאכט פליטה פון דארט. (אברהם נתן הכהן ראזענבערג, משה אלי' הכהן ראזענבערג, הערשל הכהן ראזענבערג, משה אלי' כ"ץ, שמעון כ"ץ, נתן כ"ץ, אברהם אלי' פרידריך).

ג' תצז) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א

### דער ספר "תורת חסד"

היות מ'דרוקט יעצט איבער פונדאסניי דעם ספר "תורת חסד" על התורה, פון אונזער זיידע הגה"צ רבי מרדכי ראטשטיין זצ"ל דומ"ץ האלמין מחבר התהילים עם הפירוש "שערי פרנסה טובה", וואס איך האב זוכה צו דרוקן בעבר, און עס איז ארויסגעקומען צום ערשטן מאל אין אמעריקע נאך בשנת תשכ"ד לפ"ק, דורך ש"ב הרה"ח ר' הערש פינחס הכהן מאשקאוויטש ז"ל, וויל איך דערציילן איבער דעם זיידן און זיינע ספרים.

דעמאלטס, בשנת תשכ"ד, האט מיר רבי הערש פנחס געשיקט 500 ספרים צו פארשפרייטן אין אמעריקע. איך האב דאס צוטיילט איבער די בתי מדרשים. עס זענען נאך געווען אידן וואס האבן געדענקט וואס פאר א חשיבות דער ספר האט געהאט ביי ערליכע אידן אינדערהיים. הרה"ג ר' אברהם שרגא ואחיו הרה"ח ר' שמחה יוסף וואלטער ע"ה האבן מיר דעמאלטס דערציילט ווי זיי געדענקען זייער טאטן ז"ל פארלערנען אין דעם פירוש יעדן שב"ק אינדערפרי בדמעות שליש.

ידידי הרה"ג ר' מרדכי הירש ז"ל האט פאר דעם געוואוינט אין אורעגוויי ער פלעגט דארט פארלערנען פון ספר "שערי פרנסה טובה" ברבים פארן עולם. דעריבער ווען די אידן יוצאי אורעגוויי האבן געזעהן אז דער ספר איז דא צו באקומען זענען זיי געקומען קויפן דעם תהילים. שפעטער ווען רבי מרדכי האט שוין געוואוינט דא אין קרית יואל האב איך געלערנט בחברותא מיט רבי מרדכי ז"ל, מיר האבן אינאיינעם דורכגעלערנט גאנץ ש"ס. דאך פלעגט ער פארלערנען אין שטוב פאר די קינדער פון דעם ספר איבערגעטייטשט אויף אידיש אז די טעכטער זאלן אויך פארשטיין.

דער מחבר איז געפארן קיין מונקאטש צום שם שלמה זלה"ה, ער איז געקומען אויף שבועות ער איז געגאנגען מיט א צילינדער-הוט, דער שם שלמה האט געהייסן אז מ'זאל אים געבן מפטיר, עס איז געווען א גרויסער חידוש אז ער האט איהם מכבד געווען ווען עס זענען געווען אזויפיל געסט חשוב'ע רבנים, האט דער שם שלמה געזאגט "עטס ווייסט נישט וואס עס ליגט אונטער דעם צילינדער".

אמאל איז ער געווען אויף א שבת אין א שטאט אינאיינעם מיט מרן הגה"ק הקדושת יו"ט זי"ע, און ער איז געווען ביים טיש, נאכן טיש האבן זיך די חסידים אויפגעשטעלט טאנצן 'רננו צדיקים', און איינער האט אים אנגעטון א שטריימל, פון דעמאלטס אן איז ער שוין געבליבן אנגעטון מיטן שטריימל.

דער זיידע ברענגט אין די הקדמה צום ספר "תורת חסד" א דבר פלא, אז אין ספר שבולי לקט שטייט אין די הקדמה אז ווען ער איז געווען קראנק האט ער געזעהן א זקן אחד האלט א לעכטל אין די האנט, האט ער געפרעגט "וואס איז דאס?" האט ער געזאגט אז "דאס איז דיין נשמה", האט ער געזאגט אז ער זאגט צו אז ער וועט געזונט ווערן וועט ער מאכן נאך א ספר, און ער איז געזונט געווארן, האט ער דאן מחבר געווען דעם ספר "שיבולי לקט".

שרייבט דער זיידע אין ספר תורת חסד אז ביי אים אין אויך אזוי געווען אזא מעשה, און ער האט צוגעזאגט צו מאכן נאך א ספר אז ער וועט געזונט ווערן, און דאס איז דער ספר "תורת חסד".

איך האב געהערט פון די גדולי ישראל הגאונים הצדיקים זצ"ל דברי שבח אויפן ספר פונעם זיידן.

שפעטער ווען איך האב איבער געדרוקט דעם ספר און איך האב דאס אריינגעטראגן צום **רבי'ן מרן הדבר"י זי"ע**, האט דער רבי געזאגט "דער ספר איז באוואוסט און באקאנט, ברויך עס נישט קיין הסכמה, איך וואונטש דיר הצלחה".

ווען איך האב געלערנט אין די ישיבה אין פאיע האט דער **רב הגה"צ רבי יחזקאל שרגא וויינבערגער זצ"ל** פארלאנגט אז יעדער בחור זאל אלס האבן א דבר תורה גרייט צו זאגן. געווענליך פלעגן זיך די בחורים פארקוקן אין די חסיד'ישע ספרים המפורסמים. עס פלעגט זיין דער סדר אז יעדע וואך ביים שבת טיש פארן בענטשן איז געווען א גורל וואס ווער עס איז ארויסגעקומען אינעם גורל האט געדארפט צוגיין צום פאיער רב און זאגן א תורה.

איינמאל ווען דער פאיער רב איז אריינגעקומען, האט ער געזעהן ליגן אויפן טיש דעם ספר 'תורת חסד', האט ער געפרעגט וועמענס איז דער ספר, האט מען געזאגט 'עקיבא'לע גאנץ', האט ער מיך צוגערופן און געפרעגט 'ווי קומט צו דיר דעם ספר?", האב איך געזאגט אז איך בין אן אייניקל, זאגט ער "אה, כ'האב נישט געוואוסט פון וואו דער קליינער עקיבא נעמט זיך, ער איז אויך געווען א נידריגער איד". און ער האט מיך געפרעגט "דעם תהילים האסטו אויכעט?!" און ער האט נאכגעזאגט דעם לשון וואס דער זיידע שרייבט אין די הקדמה צום ספר "אחי היקר, בא עמי ונתבונן בדבריו היקרים", דער פאיער רב האט דעמאלטס געזאגט "הפלא ופלא, ער שרייבט אזוי הארציג". האב איך געשריבן אהיים און מ'האט מיר געשיקט אויך דעם תהילים.

ווען איך האב דאס געברענגט פארן **שארמאשער רב הגה"צ רבי נפתלי הירצקא העניג זצ"ל** האט ער מיר געזאגט "אסאך יראת שמים האב איך געשעפט פון דעם אלס בחור".

דער **קיוויאשדער רב הגה"ק רבי אלעזר שפירא זצ"ל** האט איינמאל פרייטאג צונאכטס זיצנדיג בקרב קהל חסידיו ומעריציו ארומגערעדט שטארק בשבח פונעם תהילים 'שערי פרנסה טובה'. (מפי התלמידים)

ג' תצח) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן זצ"ל ר"מ בישיבה"ק

### הררים התלויין בשער"ה

איך האב געהערט פון מיין טאטן **הגה"צ רבי משה הילל זצ"ל אב"ד בינת יששכר סענדשארץ**, אז ווען דער זיידע הרה"ח ר' יוסף לייב ז"ל האט זיך געלערנט שחיטה ביים בארימטן שו"ב **הרה"ח ר' שלמה הלוי ווערצבערגער ז"ל**, האט ער אים דערציילט אז ער געדענקט אז ווען ער איז געווען א אינגל האט ער געוואוינט אין ווישניצא, וואו עס איז דעמאלטס געווען דער **רב הגה"ק רבי ארי' לייביש זצ"ל דער ארי' דבי עילאי**.

איינמאל איז נפטר געווארן א פרוי וואס האט זיך נישט געפירט בצניעות און זי איז געגאנגען מיט אייגענע האר, און נאך איר קבורה איז דער קברן געקומען צום רב און ער האט דערציילט אז בשעת די חברה קדישא האט עוסק געווען אין איר קבורה איז בטעות ארויסגעפאלן א גרויסן סכום געלט פון איינעמס טאש, און יענער איז זיכער אז דאס געלט ליגט באגראבן אינעם קבר, און ער וויל וויסן צי מ'מעג עפענען די קבר כדי ארויסצונעמען דאס געלט.

האט דער רב געזאגט אז דאס איז נאר מותר בתנאי אז מ'זאל פאראויס צוזאמען רופן די גאנצע שטאט און יעדער זאל זיך דארט געפונען בשעת מעשה. וכך הוה, עס איז צונויפגעקומען א ריזיגער עולם - אויך רבי שלמה דער בעל מספר איז דארט געשטאנען בתוך הבאים - און די חברה קדישא האט געעפענט דעם קבר און יעדער האט געזעהן מיט שרעק ווי די האר פון די פרוי איז אריינגעשטעקט אין איר מויל, און אויפן פלאץ פון די האר איז פול מיט קריכענדיגע שרצים. (יושע צבי הלוי גליק, שמעון טויב, חיים זיינוויל הכהן גליק)

ג' תצט) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' חיים הערש ליימזידער הי"ו

### "מה נורא" (מאנרא) המקום הזה

איך האב זוכה געווען צו שטיין לימין צדיק מיטן העלפן דעם רבי'ן **מרן רביה"ק הדבר"י זי"ע** אויספירן רצון קדשו מיטן מייסד זיין דעם שטעטל קרית יואל יע"א.

אין די ערשטע תקופה פונעם שטעטל, ווען דער רבי איז נישט געווען צוגעוואוינט צו רופן דאס שטעטל ביים נאמען איז געווען עטליכע מאל ווען ער האט דאס אנגערופן 'מירון' אנשטאט 'מאנרא'.

לדעתי, ביי צדיקים איז נישטא קיין פשוט'ע פליטת פה, און דאס וואס דער רבי האט גערופן דאס שטעטל מיטן דעם נאמען 'מירון', ווי מיר האבן זיך איבערגעצייגט לאחר הסתלקותו ווי די הייליגע שטעטל איז געווארן א 'מירון בזעיר אנפין', ווען דער ציון הקדוש איז א גאנץ יאר א תל תלפיות און אבן שואבת פאר טויזענטער אידן, ובפרט אין די טעג ארום די הילולא קדישא. (אפרים משה דייטש, שלמה משה קליין, אהרן דייטש, מאיר קליין, אליעזר בער קליין)

ג' תק) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב

### 'נסים' דורך אן ערל...

ביי די מלחמת ששת ימי אפילה, ווען די וועלט איז געווען פארנומען מיט די א.ג. נסים וואס איז געשעהן פאר די ציונים, און דער רבי **מרן הדבר"י זי"ע**, האט דעמאלטס מרעיש עולמות געווען ביי זיינע הייליגע תורות, אז עס איז מינות וכפירה צו טראכטן אז דער אייבערשטער זאל מאכן נסים דורך רשעים.

האב איך דעמאלטס מיטגעהאלטן א שמועס ביים רבי'ן ווען ער האט דערציילט אז דער גענעראל ביי יענע מלחמה משה דיין שר"י, זיינע עלטערן האבן געוואוינט אין א פרייען קיבוץ מיטן נאמען 'נעלאל', וואס איז געווען עקסטרעם אויסגעשפראכן קעגן דת, אזוי ווייט אז ווער עס איז אהינגעקומען האט זיך מתחייב געווען נישט צו מל זיין די קינדער ר"ל. דער קיבוץ האט נישט געקענט צו שטארק מצליח זיין ווייל אפילו די ציוני'סטישע אפיקורסים האבן עפ"י רוב מל געווען די קינדער, דארט זענען ס"ה געווען ארום 60 מענטשן, צווישן זיי איז געווען די עלטערן פון משה דיין.

האט דער רבי אויסגעפירט "זאגן זיי (די אגודי'סטן), אז דער אייבערשטער האט געמאכט נסים דורך אן ערל"... (מאיר יואל שווארץ, יצחק אייזיק שווארץ, אברהם עביר שווארץ, מרדכי שווארץ, מרדכי שפילמאן, מרדכי יאזשעף).

ג' תקא) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א ר"מ בישיבה"ק

### א פארצייטישער ערליכער איד

עס איז וויכטיג איבערצוגעבן פארן יונגן דור די געהויבענע מדות וואס מיר האבן געזען ביי חסידים ואנשי מעשה פון דעם עלטערן דור, וואס זענען געווען תלמידים פון די פריערדיגע צדיקים.

איינער פון די גאר געהויבענע אידן וואס מיר האבן געקענט איז געווען הרה"ח רבי שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה וואס האט געוואוינט דא אין קרית יואל. ער איז כל ימיו געווען א מרביץ תורה פאר אינג אין אלט. ער איז געווארן א מלמד אויף דעם באפעל פון רבי'ן זצ"ל.

אין זיינע עלטערע יארן האט ער געגרינדעט דא אין קרית יואל די באקאנטע "צרכי שבת ויו"ט - שבת פעקלעך" וואס ער האט געשאפן גרויסע געלטער, און ער פלעגט אריין שיקן צו באדארפיגע גרויסע משפחות פלייש אויף שבת און יום טוב, אויך האט ער זיי אינזין געהאט מיט נאך אנדערע זאכן.

כאטש וואס ער איז געווען גאר א גרויסער מתמיד, ער האט נישט מבטל געווען קיין צייט, דאך איז ער בכבודו ובעצמו ביזן סוף פון זיין לעבן, ארום געגאנגען נאך געלט כדי צו דעקן די גרויסע הוצאות, אויך האט ער נישט גערוהט ביז ווילאנג ער האט זיכער געמאכט אז די אלע משפחות וואס זענען אויף זיין ליסטע זאלן באקומען זייער געברויך מיט גרויס כבוד, וואס זיינע חשוב'ע קינדער פירן עס נאך ווייטער אויפן שענסטן אופן.

איינמאל האט ער מיר געזאגט בזה הלשון "דער באשעפער האט געזען אן עלטערן איד וואס איז נאקעט פון מצות, האט ער אים אויף די עלטער צו געווארפן אזא חשוב'ע מצוה אז ער זאל האבן מיט וואס ארויף צו קומען אויף יענע וועלט".

האב איך אים געפרעגט "'רבי שלמה מנשה, איר זענט דאך שוין פינף פארטאגס אין בית המדרש, ביז אזוי שפעט ווי עלעף ביינאכט, לערנט איר א גאנצן טאג מיט אנדערע, איר דאווענט, איר טוט אזויפיל מצות דעם גאנצען טאג, ווי אזוי זאגט איר אז איר זענט אזוי ליידיג פון מצות?!". האט ער מיר געענטפערט "דאס ווייס איך"...

דאס האט פאר מיר געוויזן די געהויבענע מדות פון אן אמאליגן ערליכן איד, וואס האט עוסק געווען א גאנצן טאג אין עבודת השם, און האט אונטער זיך צענדליגע יארן פון עוסק זיין א גאנצן טאג מיט הרבצת התורה, דאך איז ער געווען ביי זיך אינגאנצן צובראכן און האט גארנישט געהאלטן פון זיך, אז ער נעמט עפעס מיט אויף יענע וועלט. יהא זכרו ברוך. (הערשל קויפמאן, יואל קויפמאן, הערשל ברנג"מ קויפמאן, חנני' יו"ט ליפא ב"ר פישל קויפמאן).